

LIVING TORAH

# פרשת ויצא

## משיחת י"א ניסן ה'תשמ"ה

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

בשעת מ'איז מסיים א מסכתא אין ש"ס איז מען יוצא וואָס מ'זאָגט "כשם שעזרתני לסיים מסכתא (די און די)" איז אַזוי אויך זאָל דער אויבערשטער העלפן און מ'זאָל "להתחיל ולסיים נאָך מסכתות";

דער רמב"ם איז מדייק בכל מקום, אַז ער וויל טאקע האבן אַז מ'זאָל לערנען **בפועל**, כדי מ'זאָל וויסן **די הלכה בפועל**, און עס זאָל זיין דעמולט "הלכות הלכות", ביז – בפועל ובמעשה,

וואָס דערפון איז אויך פאַרשטאַנדיק, אַז ס'איז ניט מספיק, לויט שיטת הרמב"ם אַז מ'זאָל יוצא זיין מיט זאגן אַז "כך תעזרני" אויף **אנהויבן** – נאָר ס'איז אויך כדאי אַז מ'זאָל אנהויבן, און אויך, כאמור – מתוך הדפוס, מתוך הכתב, עכ"פ א פאר שורות פון התחלת הרמב"ם.

דער סיום, די הלכה **אחרונה**, הויבט זיך אן:

"ובאותו הזמן", וואָס דאָס קומט בהמשך צו דער **פריערדיקער הלכה**, צו דעם זמן וואָס דאָס איז ימות המשיח, "לא יהי' שם לא רעב ולא מלחמה", ניט קיין הונגער און ניט קיין מלחמות, "ולא קנאה ותחרות", עס וועט ניט זיין קיין קנאה און תחרות צווישן זיך,

איז מסיים, נאָך דערויף ווי ער איז מוסיף אַז "ישיגו דעת בוראם כפי כח האדם",

מיט וואָס פארנעמט מען זיך – פארנעמט מען זיך מיט "דיעה את הוי'", ווי ער זאָגט פריער "ישיגו דעת בוראם",

און אין וואָס פאר אן אופן פארנעמט מען זיך – "כי **מלאה** הארץ דעה את הוי'", וואָס בשעת מ'זאָגט "מלאה" – בלייבט ניט קיין ארט פאר קיין אנדער זאַך, ס'איז ניטא קיין עסק אין יענעם זמן – מערניט ווי דיעה את הוי'.

דערנאָך זאָגט ער און איז מוסיף **נאָך** אַן ענין, אַז דאָס ווערט "כמים לים מכסים",

כמדובר אמאל שוין בארוכה, אַז בשעת מ'גיט א קוק אויפן ים זעט מען אַז "כמים לים מכסים", אע"פ וואָס ער ווייס בשעת מעשה אַז אין ים איז "כל מה שיש בים יש ביבשה און כל מה שיש ביבשה יש בים", א חוץ די געציילטע פאר זאכן –

בשעת ער **זעט** אָבער, איז וואָס זעט ער מיט זיינע עיני בשר – זעט ער מערניט ווי די **מים**, וואָרום די מים זיינען "מכסים" דעם ים, דעם "קרקעית" הים, די אונטערשטע פון דעם ים, און כל הברואים וואָס זיי געפינען זיך אין ים, און וואָס זעט ער – זעט ער מערניט ווי די מים.

אַזוי אויך: אַז מ'וועט א קוק טאָן אויף אַ זאַך פון "עולם" "באותו הזמן", וואָס וועט מען זען – וועט מען זען מערניט ווי די "מים" וואָס זיי **דעקן אן** אָט דעם ענין שבעולם,



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת ויצא

וואָס וואָס זיינען אָט די "מים" – איז דאָס דער ענין פון "דיעה את הוי'", ווי ער זאָגט אין דעם פסוק אַז "דיעה את הוי'" וועט דאָס זיין "כמים לים מכסים".

און דערמיט איז אויך דער סיום פון הלכות מלכים ומלחמותיהן,

און וואָס דאָס האָט אויך א קשר, ווי דערמאנט פריער אַז מ'דאַרף "מתכיף" זיין, מאכן דאָס אין אן אופן של "תיכף ומיד", **התחלת** הרמב"ם – וויבאלד ער האָט געוואלט אַז מ'זאָל לערנען ספרו **בפועל**, ניט נאָר זאגן א **וואונטש**, אַז **מ'וועט** לערנען, "כשם שעזרתני לסיים כך תעזרני **להתחיל** ולסיים", נאָך אמאל,

איז גלייך בפרק ראשון, וואָס ער האָט דאָס א נאמען געגעבן "הלכות יסודי התורה", אין הלכה **ראשונה** שבה, הויבט ער אויך אן מיט "יסוד היסודות ועמוד החכמות לידע שיש שם מצוי ראשון וכו'", וואָס דאָס גייט דאָך אויף הוי',

וואָס איינע פון די אפטייטשן אין הוי' איז דאָך וואָס ער איז מהוה כל העולם כולו וכל אשר בו,

וואָס דאָס איז דאָך וואָס ער זאָגט גלייך נאָך דערויף: "והוא ממציא כל הנמצא" משמים וארץ ומה שביניהם,

וואָס בשעת מ'לערנט דאָס **נאָך דערויף** וואָס מ'האָט געלערנט עד הסיום, מיטן סיום עצמו, **מוז** מען דאָך זאגן אַז דא קומט צו א הוספה אויף "כמים לים מכסים", וואָרום ער לערנט דאָך דאָס איצטער נאָך דערויף ווי ער האָט מסיים געווען דעם רמב"ם, וואָס דער סיום איז "כמים לים מכסים" – "דיעה את הוי'"; וואו איז דא די הוספה?

בשעת ער זעט "כמים לים מכסים", ווייס ער, אַז ס'איז דא ברואים שבים, נאָר וואָס דען – זיי ווערן **צוגעדעקט** מיט די מים, ער ווייס אויך, און **זעט** אויך, אַז ס'איז דא א ים, נאָר ער זעט מערניט ווי **שפת** הים, אָבער די **קרקעית** הים, די **אונטערטשע** טייל, און די **ברואים** שבים – זעט ער מערניט ווי די מים.

דערפון קומט ער צו א **העכערע** ידיעה, אַז וואָס ווייס ער – "לידע" – ער ווייס מערניט [ווי] אַז ס'איז דא מערניט ווי א "מצוי ראשון", "והוא ממציא כל הנמצאים" – ער איז אָט דער וואָס ער איז **ממציא**.

און ניט ממציא לשון **עבר** – "המציא", נאָר ווי ער זאָגט ווייטער, אַז "ואם יבטל", אויב ח"ו ער ווערט בטל דער כח ההמצאה וואָס דער אויבערשטער איז ממציא כל הנמצאים – אָט דעמולט ווערן זיי גלייך בטל,

במילא, בשעת ער זעט "כל הנמצאים" – ווייס ער, ניט ווי פריער "דיעה את הוי' כמים לים מכסים" אַז ס'איז דאָ א ים און דער ים איז צוגעדעקט מיט מים, - ער ווייס **נאָך מערער**, ער וויס אַז די גאנצע מציאות פון כל הנמצאים בכל רגע איז דאָס דערפאַר וואָס אין **דעם** רגע געפינט זיך אין דעם מצוי, אין דעם נמצא, געפינט זיך אין אים דער "מצוי" וואָס ער איז דער "מצוי ראשון" און ער איז "ממציא כל הנמצאים".



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.